STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03550

LIEDER UN LEGENDEN

Joshua Pelowitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליעדער און לעגענדען

פון

יהושע פעלאָוויץ.

פרייז 10 סענט.

ניו יאָרק, תרע"ח.

1918.

אינהאלט פערצייכנים:

1) די שבועה — — — — — — — — — — 3

2) די שבועה — — — — — — — — — — 4

3) דאָס פויגעלע — — — — — — — — — 6

4) דעמערונג — — — — — — — — — 7

5) אין קריזים — — — — — — — — — 8

6) אין דער היים — — — — — — — — 9

7) מיין בקשה — — — — — — — — — 10

8) דער מסור — — — — — — — — — 12

9) צוויי פויגעלעך — — — — — — — — 32


by als, vos mir lie-ben, vos hei-lig mir eh - ren, by un - se-re hel-dens zu bro-che-ne shverd!
8

SLUSS.


Grave.
mir shve - ren! mir shve - ren! mir shve - ren, mir shve - - ren!!

ועה

מוזיק פון א. מ. בערנשטיין

EINLEITUNG

די שבועה



Copyright 1912 by Joshua H. Pelovitz

די שבועה

מיר הויבען די הענד געגען מזרח און שווערען
ביי ציון, איהר פּאַהן, ביי דער הייליגער ערד,
ביי אלץ, וואס מיר ליעבען, וואס הייליג מיר עהרען.
ביי אונזערע העלדענס צובראכענע שווערד.

ביי אונזער געשיכטע, וואס איז אָנגעשריבען
מיט אונזערע טרעהרען, מיט אונזערע בלוט, —
ביי אלעם מיר שווערען דאס פאלק היים צו ליעבען
און קעמפּפען פאר איהם מיט ענערגיע, מיט מוטה.

מיר שווערען צורייסען די קייטען אויף שטיקער
פון זיינע געבונדענע, וואונדיגע הענד;
ארונטער צו ווארפען דעם יאָך פון די דריקער,
פערלאָזען דעם גלות, די פינסטערע ווענד.

מיר שווערען איהם ליעבע, מיר שווערען איהם טרייהייט.
צוריק דאס געוועהר ניט צו לייגען פון האנד;
ביז וואַנען מיר וועלען ערקעמפּפען איהם פרייהייט
און רוהיגעם לעבען אויף אייגענעם לאנד.

און ווען אויך צו שטארבען אין מיטען דעם שטרעבען
איז אונז דאָ בעשערט איהם ניט בריינגענדיג דאָרט;
דאן וועלען מיר אנד'רע דעם גייסט איבערגעבען
זיי זאָלען פערטרעטען אין שטרייט אונזער אָרט...

פורים תרס"ג (1903).

די שבועה

מיר שווערן, מיר שווערן, מיר שווערן!*)
א שבועה פון בלוט און פון טרעהרען!
הימעל און ערד וועלען אונז הערען,
און עדות די ליכטיגע שטערען!
מיר שווערן! מיר שווערן! מיר שווערן!

מיר הויבען די הענד געגען מזרח און שווערען
ביי ציון, איהר פאהן, ביי דער הייליגער ערד:
ביי אלם, וואס מיר ליעבען, וואס הייליג מיר עהרען:
ביי אונזערע העלדענס צובראכענע שווערד.

כאהר: ברידער און שוועסטער, גענוג שוין צו ליידען,
גענוג שוין, גענוג שוין אין גלות צו זיין!
מוטהיג, מוטהיג אין קאמפף פאר די פרייהייט!
מוטהיג, מוטהיג צום הייליגען קאמפף!

ביי אונזער געשיכטע, וואס איז אנגעשריעבען
מיט אונזערע טרעהרען, מיט אונזערע בלוט: —

---

*) די וואריאנטען, ווי אויך די מעלאדיע צו זיי זיינען צוגע־קומען שפעטער. צוליעב זייער פערשפרייטונג האב איך עם ארייג־גענומען אין זאמלונג פון מיינע ליעדער. צום פריער געדרוקטען טעקסט איז דא א מעלאדיע אריגינעל פערפאסט פון מ. בערענשטיין, ווילנער כאר חזן.

ביי אַלעם מיר שווערען דאָס פאָלק הײם צו ליעבען
און קעמפפען פיר איהם מיט ענערגיע, מיט מוטה.
כאָהר: ברידער און שוועסטער...

מיר שווערען צורייסען די קייטען אויף שטיקער
פון זיינע געבונדענע, וואונדיגע הענד;
ארונטערצואווארפען דעם יאָך פון די דריקער,
פערלאָזען דעם גלות, די פינסטערע ווענד.
כאָהר: ברידער און שוועסטער...

מיר שווערען איהם ליעבע, מיר שווערען איהם טרייהייט,
צוריק דאָס געוועהר ניט צו לייגען פון האַנד,
ביז וואנען מיר וועלען ערקעמפפען איהם פרייהייט
און רוהיגעס לעבען אויף אייגענעם לאַנד.
כאָהר: ברידער און שוועסטער...

און ווען אויך צו שטארבען אין מיטען דעם שטרעבען
איז אונז דאָ בעשערט איהם ניט ברייגנענדיג דאָרט; —
דאַן וועלען מיר אנד'רע דעם גייסט איבערגעבען,
זיי זאָלען פערנעהמען אין שטרייט אונזער אָרט.
כאָהר: ברידער און שוועסטער...

דאָס פויגעלע

—„וואָס זינגט אזוי דאָס פויגעלע
דאָרט אונטער'ן דאַך אצינד?
וואס צוויצערט עס, כלאָפּאָטשעט עס?"—
פרעגט מיר מיין שעהנעס קינד. —

„וואָס איילט אזוי דאָס פויגעלע,
וואָס האָוועט עס און יאָגט?
וואס מאכט עס פון די ברעקלעך לעהם.
וואס קלייבט אין גאָס און טראָגט?

און פליהענדיג, און קלעפּענדיג
די ברעקלעך מיט שטרוי;
וואָס זינגט עס אזוי קלינגענדיג,
זואָס פרעהט עס זיך אזוי?" —

„מיין קינד, דאָס שעהנעס פויגעלע,
וואָס אונטער'ן דאַך דו זעהסט
עס פליהענדיג, כלאָפּאָטשענדיג;
עס בויט פאר זיך א נעסט.

דעריבער זינגט עס קלינגענדיג,
דאָס איז זיין גרויסע פרייד,
פון פריה ווי נור די זון שיינט אויף
ביז וואנ'ן די זון פערגעהט.

דעמערונג

דעמערונג. אין שטוב אליין
זיץ איך ווי פערקיהלט.
קאַלט מיין הארץ איז, ווי א שטיין.
ניט עס גאַרט און פיהלט.

פוסט דער מח. דער געדאנק
שלומערט אונבעוועגט.
קיין געפיהל און קיין פערלאנג
איהם צו דענקען וועקט.

מיינע אויגען מאַט און שטום
קוקען אין דער וויט.
און פערלאָרען בלאָנדזשען אום
אין דער דונקעלהייט.

און אין די מינוטען מיך
מאַטערט שטילערהייד
די איין שאלה נור: בין איך
לעבעדיג צו טויט?...

אין קריזים

אין דרייען געבויגען, בעטריבט און פערצווייפעלט
פער'חשד'ט און בלאס ווי דער טויט,
שוואך געהען ארום אין די צעהנדליגע מאסען
פערשמאכטע פון הונגער און נויט.

קוים האלטענדיג זיך אויף די פיס, ווי די שאטענס
דערשלאגענע, מוטהלאזע שטיל,
בעוועגען זיי זיך אין די רוישענדע גאסען
אהן צאהל, אזוי פיעל, אזוי פיעל!...

זיי שלעפען זיך עלענדע, שוויינענד פערמאטערט
פון לעבענס פערצווייפעלטען שטרייט,
פערזונקען אין שווערע געדאנקען, ווי לעבט מען
אריבער די ביטערע צייט?!

אין דער היים

אָ, מיין ליעבעס שטעדטעלע
זיי דאָך מיר בעגריסט;
און אויך דו, קליין טייכעלע,
וואָס אין גראבען פליסט.

אויך איהר קליינע הייזקעלעך,
גיד'ריגע ביי דר'ערד, —
אָ, מיין הארץ, אייך זעהענדיג,
פול מיט פריידען ווערט.

ווייך דאָך נישט, מיין פיעדעלע,
האלט דיין טרויער איין;
וועק דאָך נישט פערבאָרגענע
אַלטע, אַלטע פיין.

מעלאָדיען היימישע
גיב פון זיך ארויס.
מיט א ליעד, א פרעהליכעס
גרים מיין פאטערס הויז.

גרים מיין אָרים שטעדטעלע,
יעדעס געסעל, בוים.
זיי בעגריסט, מיין טהייערע,
ליעבע, זיסע היים.

מיין בקשה

כ'בעט דיר, גאָט, ניט קיין עשירות,
רייכע אוצרות, געלד;
ניט קיין גרויסקייט, ס'זאָל מיין נאָמען
קלינגען אין דער וועלט.

ניט קיין מעכטיגקייט צו הערשען,
שטורמען מיט דעם שווערד;
ניט עס זאָלען פאַר מיר פאַלען
מענשען צו דער ערד.

ניט אין מזרח וואַנד פון לעבען
בעט איך דיר א „שטאָדט". —
ניט פערשטויסען זיין פון לעבען,
דאָס נור בעט איך, גאָט!

פרעמד זאָל איך ניט זיין פון מענשען,
פרעמד פון פרייד און שמאַרץ;
זאָל עס קאַרטשען זיך, דאָך פיהלען
אימער זאָל מיין האַרץ.

איך זאָל קענען זיין ערגעבען,
ליעבען און פערשטעהן.
וואו נור נויטהיג, זאָל ניט דאַרפען
איך פון ווייטען שטעהן.

פיהלען זאָל איך דעם געדריקטען,
וויסען וואס איהם פעהלט;
אָבווישען א טרעהר כאָטש איינעם
אין דער שמערצען־וועלט.

וואו נור מענשען זיך פערקלייבען
טהאָן וואָס פאר'ן כלל;
ווי אנ'ארבייטער נור העלפען
וויל איך איבעראַל.

געהען מיינע ברידער שטרייטען,
זאָל איך זיין ניט ווייט;
איך זאָל קענען געהן צוזאמען
גלייך מיט זיי אין שטרייט.

אין די רייהען פון די זעלנער
קעמפּפען מיט ערפאָלג;
שטרעבען, קעמפּפען, און ווען נויטהיג
שטאַרבען פאר מיין פאָלק...

דער מסור

(פאָלקס לעגענדע)

ניט פון ערענטליכע ארבייט
איז פלטיאל דער נעשוויזער
רייך געווארען — פון הלואות
אויף פראָצענטען, פון ברייסען
און בעשווינדלען אָהן רחמנות
ארימע און פון דעם פריץ
פונ׳ם שטעדטעל האָט פלטיאל
זיין פערמעגען אָנגעקליבען.
און א תקיף איז געוועזען
ביי דעם פריץ, ביי דעם רשע
פאר די גלאטע רייד פלטיאל,
פאר די אויסגעטראכטע מעשיות.
וואס ער פלעגט דערצעהלען טעגליך
איהם אויף „זיינע" שלעכטע אידען,
ווי זיי האסען איהם, דעם פריץ
און זיי שילטען איהם מיט קללות.
און די אידען, די נעשוויזער,
וויסען, אז די אלע צרות,
וואס זיי שטעהען אויס פון פריץ,
ברייננט אויף זיי דער גביר פלטיאל,
דאָך רעדט קיינער איהם קיין וואָרט ניט.

ווייל יעטווידערער האָט מורא
פאַר זיין בייזקייט און אכזריות
און מען גיט איהם נאָך אָב כבוד
אויף אסיפות, אין בית־מדרש,
ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ נגיד.
אָבער הינטער זיינע אויגען
פלעגט יעטווידערער איהם שילטען
און איהם רופען מיט פעראַכטונג
איבעראַל : פּלטיאל מסור.

איינמאָל איז פּלטיאל מסור
אין אַ ווינטער טאָג, אַ קאַלטען,
אין אַ שעהן געפּוצטען שליטען
צו אַ הויכען פערד, אַ שעהנעם
רייך געשפּאַנט, אין הויף געפאַהרען
אַ מסירה אויף אַ אידען
צו דערצעהלען פאַר דעם פּריץ.
מיט אַ ווילדען בייזען ברומען
האָט געטראָגען איבער פעלדער
און דעם וועג מיט שניי פערשאָטען
און געשטורעמט אין די קוסטעס
מיט געוואַלד אַ שטורעם־ווינד.
פּלוצלונג האָט דערזעהן פּלטיאל
ביי דער זייט פון וועג אַ מענשען
ליעגענדיג אין שניי פערפראָרען.
באַלד האָט אָבגעשטעלט דעם פערד ער,
איילענדיג ארויסגעשטיגען
פון זיין שליטען און צום מענשען,
דעם פערפראָר'נעם צוגעאַנגען,
פון דער ערד איהם אויפגעהויבען,

איהם אריינגעזעצט אין שליטען,
צוגעדעקט און אומגעקעהרט זיך
גלייך מיט איהם צו זיך אהיים.
דאָרטען ברייננט ער אין א צימער
אין א ווארעמען אריין איהם,
לייגט איהם אויף א ריינעם בעטעל
זאָרגפעלטיג און רופט א דאָקטאָר
אויפצומונטערען דעם קראנקען
און ער טרעט ניט אב פון בעטעל
ביז דער אונגליקליכער עפענט
זיינע אויגען און ערוואכט.
דאן בעזארגט ער איהם מיט עסען,
מיט רפואות און מיט דיענער,
וועלכע זאָלען אכטונג געבען
אויף דעם קראנקען און איהם פפלעגען.
און בערוהיגט און צופריעדען
זעצט ער ווידער זיך אין שליטען
און פאָהרט גיך אין הויף צום פריץ
די מסירה אבצוזאגען.

יאָהרען פליהען, יאָהרען שוועבען.
ווינטער, פריהלינג, זומער, אָסיען
געהען, בייטען זיך כסדר.
נור נעשוויז בלייבט אלץ דאס זעלבע
מיט דעם זעלבען אלטען לעבען,
מיט די זעלבע בלייכע מענשען,
מיט די זעלבע אלטע צרות,
מיט די דריקונגען פון פריץ
וועלכער לאָזט זיי ניט צופריעדען
און צאַפט אוים פון „זיינע" אידען

די „פערשאלטענע" דאס לעצטע
ביסעל בלוט. אויך ניט געענדערט
האט זיך אונזער העלד פלטיאל.
פונקט ווי פריהער ער בעשווינדעלט
אונערבארעמליך גערריקטע
און פער'מסר'ט יעדען אידען,
וועלכער ריהרט איהם אן זיין כבוד,
ביי דעם פריץ.
איינמאל זומער,
ווען פון ריינעם קלארען הימעל
האט די ליעבע זון געלויכטען
און מיט גאלד'נע ווארמ'מע שטראהלען
האט זי אונזער וועלט בעשאטען:
איז זיך אין זיין רייך־בעפוצטען
און געראמען זאל געזעסען
אונזער העלד פלטיאל מסור.
קיינער איז אין הויז געוועזען.
און פון קיינעם ניט געשטערט איז
ער בעקוועמליך, שטיל געזעסען
אויף דער ווייכער סאמעט־סאפע
מיט די אויגען האלב־געשלאסען
און געדרימעלט זיס און רוהיג,
שטיל פערוויעגט פון די געזאנגען
פון די פויגעלעך, די ליעבע,
וועלכע האבען ליעב געטרילערט
אין די צווייגען, די געדיכטע
איז דעם גרויסען רייכען גארטען
און צוזאמען מיט די זיסע
און געשמאקע הימעל־ריחות
פון פערשיעדענארט'גע בלומען,
גרינע גראזען, שעהנע פרוכטען,

זיינען זיי'רע ליעבע טרעלען
דורך די אָפ'נע גרויסע פענסטער
אויף די פליעגעלעך פון ווינטעל,
דעם מחיה'דיגען, קיהלען,
קלינגענדיג ארייננעשוואומען
און דעם ברייטען, רייכען צימער,
אָנגעפילט מיט זייער זיסקייט.
פלוצלונג הערט ער דורכ'ן דרעמעל
ווי מען רופט איהם ביי זיין נאָמען.
שנעל מאכט לויז ער זיינע אויגען,
קוקט זיך אום אין גאנצען צימער
און אין הויז, — עס זעהט זיך ק'ינער.
רוהיג לאָזט ער זיך ארונטער
ווידער אויף דער ווייכער סאָפע,
און זיך קלעהרענדיג אויף זיכער,
אַז דאָס דוכט זיך איהם אין דרעמעל,
ציהט ער אוים זיך מיט זיין גאנצען
שווערען קערפּער אויף דער סאָפע,
גענעצט פויל און פערגעניגענד
שליסט ער ווידער האלב די אויגען
און פערשמעקט פון בלומען־ריחות
בלייבט ער ווידער רוהיג ליגען
אין א זיסען לייכטען דרעמעל
שטיל פערזונקען. אָבער באלד
הערט ער ווידער ווי מען רופט איהם
ביי זיין נאָמען. ווידער קוקט ער
זיך ארום און זעהט ניט קיינעם.
שטיל בלייבט ער אין מיטען צימער
שטעהן פערוואונדערט און צושראָקען.
א געדריקטע, שווערע שטילקייט
הערשט א ווײלע. נאָכדעם הערט ער

ווי א מענשען־שטימע דייטליך
רעדט צו איהם: „הער אויס, פלטיאל!
דו געדיינקסט א מאל אום ווינטער,
פאהרענדיג מיט א מסירה
צו דעם פריץ, האסט געפונען
אויפ׳ן וועג אין שניי א מענשען
האלב פערפרארען און צום לעבען
איהם צוריק געבראכט. פלטיאל!
איך בין דאס דער מענש, דער זעלבער,
וואס דו האסט פון טויט גערעטעט
און דורך דיר האב איך געלעבט נאך
יאהרען אייניגע אין פריעדען.
לאנג שוין האב איך אייער פאלשע
וועלט פערלאזען. און פון יענער
אמת־וועלט בין איך געקומען
איצט צו דיר אין גאטעס נאמען
איבערגעבען דיר זיין רצון
און בעקעהרען דיך צו תשובה. —
שווער און פיעל האסטו געזינדיגט
געגען גאט און געגען מענשען.
צייט דיין לעבען האסט בעשווינדעלט
און בעראבעוועט געדריקטע,
און פער׳מסר׳ט דיינע ברידער
ביי דעם פריץ, ביי דעם רשע,
וועלכער פלעגט נאך די מסירות
זיי בעדריקען אהן רחמנות.
דיין פערמעגען איז פון גזלה.
דיינע עסען, דיינע קליידער,
דיינע ציערונג, גאלד און זילבער,
אלעס, אלץ, וואס דו און דיינע
פרוי און קינדער פריי פערלעבען,

ברייננגען אוים אויף פערגעניגען,
אלעס, וואס ביי דיר געפינט זיך
אין די רייכע הייזער דיינע
זיינען דורכגעווייקט אין טרעהרען
און אין בלוט פון די קרבנות,
וועלכע זיינען דורך דיין בלוטיג
האנד און בייזער צונג געפאלען.
אָבער לא לעולם חוסן.
דו זאָלסט וויסען, אז ניט אייביג
לעבט א מענש. אז קיין יחסנים
זיינען פאר דעם טויט ניטאָ.
און אויף יענעם עולם אמת
זיינען יעדער מענשענס מעשים
אויפגעשריעבען. און דעם בורא
פון דער וועלט און פון די מענשען,
וועלכער איז אויך זייער שופט
און פון איהם איז קיינס פערבארגען,
וועסטו מוזען פאר די אלע
שלעכטע מעשים געבען חשבון.
און דער גרויסער שטארקער גאָט
וועט געווים דיר שווער בעשטראפען
מיט די שרעקליכסטע יסורים
פון דעם פינסטערען גיהנום.
נור דער בורא עולם, וועלכער
איז א דין ומוכיח,
איז אויך אַ אל טוב ורחום
און ער וויל ניט, אז דער רשע
זאָל פערפאלען ווערען אייביג.
און אָט ער, דער אב הרחמים,
האָט עס מיר געשיקט דיר זאָגען,
אז דו ביסט נאָך ניט פערפאלען.

אַז מיט תשובה און חרטה
אויף די שלעכטע מעשים דיינע
האָסטו נאָך א זכות צו רעטען
זיך פון אייביגען כליון.
ווייל עס שטעהט דיר פאַר די מצוה
פון פקוח נפש, וועלכע
דו האָסט געגען מיר בעוויזען.
און דערפאר ווען דו וועסט פאָלגען:
דיינע הייזער, פעלדער, וועלדער,
דיינע אוצרות גאָלד און זילבער,
ציערונג, קליידער, אלץ און אַלעס
אויספערקויפען, איבערלאָזען
העלפּט פאַר זיך און העלפּט צוטהיילען
צווישען ארימע, געדריקטע;
מעהר ניט האָבען קיין געשעפטען
מיט דעם פּריץ, מיט דעם רשע
און אליין זיך זעצען לעהרנען
זיעבען יאָהר אין בית המדרש;
דאַן וועט אַלץ דיר זיין געשאָנקען.
דיינע נידריגע עבירות,
וואָס דו האָסט אָהן צאָהל בעגאנגען
אין דיין גאנצען זינדיג לעבען,
וועלען דיר פערגעבען ווערען
און דיין חלק עולם הבא,
וואס דו האָסט פערשפּיעלט דורך דיינע
זינד וועסטו צוריק געווינען.
קורץ החיים והמות
ליעגט ביי דיר אין האנד, פּלטיאל!
פאָלגסטו — דאַן ביסטו גערעטעט.
ניט — דאַן בלייבסטו א פערדאמטער,
א פערפאלענער אויף אייביג.

דאָ אויף דער וועלט אויסגעשלאָסען
פון געזעלשאפט, פריינד און ברידער
און אויף יענעם עולם־אמת
אבגע׳משפט צו יסורים
אין גיהנום כף הקלע.״
נאָך די רייד איז שטיל געוואָרען:
בלאס, ווי טויט, פון שרעק און מורא
איז געבליבען שטעהן פלטיאל,
ניט בעוועגענדיג קיין אבר.
אייניגע מינוטען איז ער
שטום, ערשטוינט אזוי געשטאַנען.
ענדליך האָט ער, ווי פון חלום
פון א שווערען אויפגעכאפט זיך,
טיעף דעם אטהעם אבגעצויגען,
אבגעזיפצעט און זיך מאכטלאָז
אויף א שטוהל אראָבגעלאָזען,
טיעף דעם קאָפ אראבגעבויגען
און פערזונקען זיך אין שווערע
און אין פינסטערע געדאנקען.
טויזענדער פערשיעד׳נע בילדער
פון די שרעקליכע פערברעכענס,
וואָס ער איז אָהן צאָהל בעגאנגען
אין זיין לאנגען זינדיג לעבען:
די הארצרייסענדיגע סצענעס
פון די אונגליקליכע אָפפער,
ווי זיי פלעגען פאר איהם פאלען
בעטענדיג זיך פאר רחמנות
און ער פלעגט אויף זיי ניט קוקען,
זיי פון זיך מיט האָס פערטרייבען:
האָבען זיך אין זיין זכרון
אויפגעוואכט און פאָרגעשטעלט זיך

גרויזאם פאר די אויגען זיינע
און געפלאגט איהם שווער און ביטער.
און אין זיין בעוועגטען הארצען
האט זיך אויפגעוועקט א שווערע
און א העפטיגע מלחמה,
די געפיהלען פון חרטה
אויף די נידריגע פערברעכענס,
שווינדלערייען און מסירות
מיט די תאוות און תענוגים
פון זיין עבר'דיגען לעבען.
שווער איז איהם געווען בעשליסען
די מלחמה אין זיין הארצען.
שווער איז איהם געווען בעשליסען
מיט אמאל זיך אבצורייסען
פון דעם אלטען, איינגעוואוינטען
זינדיגען, דאך רייכען לעבען.
דאך געזיעגט האט די חרטה
און דער אויפגעוועקטער ווילען
אבצורייסען זיך פון עבר
און גאט'ס רצון אויסצופאלגען...

ערב פסח. פון בית מדרש
זיינען לאנג שוין אלע מענשען
זיך צוגאנגען אין דער היים
אבצועסען צו דער צייט
און דעם חמץ צו פערברענען.
נור פלטיאל איינזאם זיצט זיך
אין דעם פוסטען בית המדרש
ביי אנ'אפענער גמרא.
זיעבען יאהר ועט באלד שוין ווערען

זינט ער האָט זיין גרויס פערמעגען
אויספערקויפט און אָבגעגעבען
העלפט פאר אָר׳מע און די צווייטע
העלפט געלאָזען ווייב און קינדער,
און אליין אין בית המדרש
זיך בעזעצט אויף תמיד עוסק
זיין אין תורה און אין תשובה.
באלד וועט זיעבען יאָהר שוין ווערען.
פיעל און שווער האָט ער געליטען
ביז ער האָט זיך אָבגעבראָכען
פון די אַלטע איינגעוואוינטע
ווילדע תאוות, פערגעניגענס,
וועלכע האבען איהם געצויגען
צו דער גלענצענדיגער רייכקייט
און צום אלטען זינדיג לעבען.
דאָך געזיעגט האָט ער — געדולדיג
ראַנגעלט ער זיך מיט דעם שטן,
מיט דעם בייזען יצר הרע
ביז ער האָט איהם בייגעקומען
און די שלעכטע ווילדע מדות,
די געוואוהנהייטען פון יאָהרען
אויסגעריסען פון זיין הארצען.
די מלחמה איז צום ענדע.
און צופריעדען פון נצחון
זיצט ער ביי דעם אָפ׳נעם ספר
און ער לעהרענט מיט התמדה.
פלוצלונג עפענט זיך די טהיר אויף
און עס קומט אריין א שעהנער
יונגערמאן, אנ׳אונבעקאנטער
אין בית מדרש און ער זעצט זיך
שטיל א נידער ביים בעלעמער.

ווי פלטיאל האָט דערזעהן איהם
האָט ער באַלד זיך אויפגעהויבען
פון זיין אָרט און צוגעגאַנגען
צו דעם אונבעקאַנטען אורח,
פריינדליך איהם געגעבען שלום
און געפרעגט איהם ווי געוועהנליך:
ווער ער איז? פון וואַנען קומט ער?
און וואוהין געהט ער צו יום־טוב?
פריינדליך האָט דער יונגער־מאַנטשיק
איהם געענטפערט אויף די פראַגען.
ריידענדיג איז זייער שמועס
באַלד אריבער אויפ׳ן לעהרנען.
און דער שעהנער, אונבעקאַנטער
יונגער אורח האָט גענומען
פאַר פלטיאל׳ן בעווייזען
זיינע קענטניסע אין תורה.
מיט אַנ׳איינגעהאַלט׳נעם אָטהעם
איז געזעסען שטיל פלטיאל
און זיך צוגעהערט די טיעפע
גייע שכל׳דיגע סברות
אין גמרא, משנה, מדרש,
וואָס דער זאָנדערבאַרער אורח
האָט אַזוי געשמאַק ערקלעהרט איהם.
און אַז ער איז שטיל געוואָרען
האָט נאָך לאַנג געהערט פלטיאל
אין בעגייסטערונג דעם אָבקלאַנג
פון זיין זיסער צויבער שטימע
פון די טיעפזיניגע ווערטער
פון זיין שעהנעם, קלאָהרען דבור,
וועלכע זיינען אין דעם גרויסען,
ברייטען פוסטען בית המדרש

לאנג נאָך זים ארומגעשוואומען,
ווי די זיסע צויבער וועלען
פון פערגעהענדע אַקאָרדען
אין א רייכען זאַל א גרויסען
נאָך א קינסטלערישען שפּיעלען.
לאנג איז ער אזוי געזעסען
שטיל ניט ריהרענדיג קיין אבר
און בעגייסטערט האָט געקוקט ער
אין די קלוגע, גרויסע, טיעפע
שווארצע, פייערדיגע אויגען
פון דעם ליעבען יונגען־מאנטשיק,
וועלכע האָבען שטיל בעטראכט איהם
און געקוקט אויף איהם מיט בליקען
לאנגע, ברענענדיגע, הייסע.
ענדליך האָט צו איהם דער אורח
ווידער אָנגעהויבעןריידען
און צושטערט די זיסע שטילקייט:
„הערט נור, וואס איך וועל אייך פרעגען —
ווי איך זעה נאָך אייער פּנים,
האָט איהר היינט נאָך ניט געגעסען.
פאַסט איהר דען? — ניין — זאָגט פלטיאל:
כ'וויים ניט, וואס עס איז די סבה,
אַז מען האָט מיר נאָך קיין עסען
פון דער היים ניט צוגעבראכט".
„אָבער לאנג קענט איהר ניט ווארטען,
דען די צייט פון חמץ עסען
וועט דערווייל באלד אריבער.
ווייסט איהר וואס, ביי מיר אין פעקעל
ליעגט א חלה, נעהמט און עסט עס."
„ניין, א דאנק, איך וועל שוין ווארטען
ביז מען וועט מיר ברייגנען עסען

אַנדערש וואָס עס איז, דען חמץ
עסען איז שוין שפּעט". — „ניין, איצטער
איז נאָך צייט דערוויילּ. נור וואַרטען
דאַרפט איהר ניט מעהר, מאַכט עס גיכער."
און כּדי פלטיאל זאָל איהם
גלויבען זיכער, נעהמט ער שנעל
פון זיין טאַש אַרויס דעם זייגער
און בעווייזט איהם, דאַן הויבט אייל'ענד
פון זיין אָרט זיך אויף פלטיאל,
געהט צום כּיור ד'הענד צו וואַשען.
אָבער ער האָט דאָרט קיין וואַסער
ניט געפונען. „וואָס זשע טראַכט איהר? —
זאָגט דער יונגער־מאַנטשיק פריינדליך —
„אין אַ נויט איז רעכט אָהן וואַסער
וויקעלט איין די הענד אין טיכעל
און געהט עסען". — „ניין, מיין פריינד" —
ענטפערט איהם פלטיאל פרום —
„כ'וועל ניט עסען אונגעוואַשען.
דאָ ניט וויט אין קליינעם טייכעל
קען איך גיך בעקומען וואַסער".
און ניט וואַרטענדיג איז האַסטיג
דורכ'ן טהיר אַרויס פלטיאל
און געלאָפען שנעל צום טייכעל.
נור, אַ, וואונדער!... דאַכט זיך נאָהענט
איז דאָס טייכעל פון בית־מדרש,
אָט, אַ שטראָמט עס פרעהליך מורמלענד,
אָט אָ, זעהען זיך די האַסטיג
שפּרינגענדיגע לייכטע וועלען,
ווי זיי טראָגען זיך און גלענצען,
שפּיעלענדיג זיך מיט די שטראַהלען
פון דער פריהלינג זון, די העלע,

וועלכע קוקט פון קלאָרען הימעל
אויף איהר שיינענדיגען פּנים
אין דעם ריינעם וואַסער שפּיגעל;
דאָך דעם וואַסער קען פּלטיאל
ניט דערגרייכען, דען וואס נעהנטער
ער קומט אָן צום ברעג, אַלס ווייטער
רוקט זיך אָב פון איהם דאס טייכעל
און וואס האסטיגער פּלטיאל
לויפט צום טייכעלע, אַלץ שנעלער
לויפט פון איהם אוועק דאס וואַסער.
מיעד פון אויפרעגונג און שטוינונג
שטעלט א ווייל זיך אָב פּלטיאל,
קוקענדיג בעוועגט מיט שטאַרע
בליקען אויף דעם וואונדערבארען
און געהיימניספאָלען טייכעל...
פּלוצלונג זעהט ניט ווייט פון ברעג ער
הויבט זיך לאַנגזאם אויף א בערגעל
פון דער ערד און ווערט צופאלען
און עס בלייבט א גרוב. פון דאָרטען
קריכט ארויס אנ׳אויסגעדארטער
מענשליכער סקעלעט, א הויכער.
פון די ווייסע מתים־קליידער,
די צופאלענע תכריכים
שטאַרצען ווילד ארויס די ביינער.
לאַנגזאם, שטיל געהט צו דער מת
צום דערשראָקענעם פּלטיאל,
שטעלט זיך איהם אוועק אנטקעגען,
קוקענדיג איהם גלייך אין פּנים
מיט די גרויסע אויגען־לעכער
און מיט א געהיימניספולע
דומפּע קבר־שטימע רעדט ער

טרוקען, האַרט צו איהם: „פּלטיאל!
קענסט מיך ניט? איך בין דער זעלבער
מאַן, וואָס דו פון טויט גערעטעט
האָסט אַמאָל אום ווינטער דאַן נאָך,
ווען דו בינסט נאָך שלעכט געוועזען
און געפיהרט דיין זינדיג לעבען.
און מיט זיעבען יאָהר צוריק
נאָך מיין טויט שוין בין געקומען
איך צו דיר אין גאַטעס נאָמען
דיר זיין רצון איבערגעבען
און דיר מחזיר זיין בתשובה.
האָסט געפאָלגט — אוועקגעוואָרפען
דאָס פערברעכערישע לעבען;
אויסגעריסען מיט די וואָרצלען
די געמיינע, שלעכטע מדות
צו בערויבען אונשולדיגע
מענשען גרויזאם, אָהן רחמנות
און דעם לוסט צו ווילדע תאוות,
וועלכע זיינען איינגעוואַקסען
טיעף אין האַרץ ביי דיר געוועזען
און בעזעצט זיך אין בית מדרש
נור אויף תורה און עבודה
פרום און עהרליך צו פערדיענען
ביי'ם אלמעכטיגען מחילה
אויף די שרעקליכע חטאים,
וואָס דו האָסט אָהן צאָהל בעגאַנגען.
נור דעם בייזען יצר הרע
האָט דיין תשובה שטאַרק פערדראָסען
און ער האָט זיך פאַרגענומען
ווידער דיך אין זומפּף פערפיהרען,
און אַט ער איז דאָס געוועזען

היינט ביי דיר אין בית המדרש,
דיך בעצויבערט מיט זיין ריידען,
און דו בינסט שוין שיער געפאלען
אין זיין נעטץ און זיך געלאָזען
אָנריידען פון איהם צו עסען
חמץ נאָך דער צייט. פלטיאל!
זעהסטו ניט, ווי הויך די זון שיינט?
מערקסטו ניט, ווי שפּעט עס איז שוין?
נור דיין שוואכקייט האָט דערלאָזט דיר
גלויבען אין די רייד פון שטן
און געהן א י צ ט ע ר עסען חמץ!!...
נור דער גרויסער זכות פון תשובה
איז אין נויט דיר בייגעשטאנען.
און דער מעכטיגער אל פלא
האָט פערזאגט דעם קליינעם טייבעל,
אז עס זאָל פון דיר אנטלויפען,
זאָלסט קיין וואסער ניט בעקומען.
און דערמיט האָט גאָט אליין דיר
היינט פערהיט פון אנ'עבירה,
וועלכע האָט געקענט דיר ברייננען
ווידער צו דעם טיעפען אבגרונד
פון דעם פינסטערען גיהנום.
אָבער דו בינסט נאָך ניט זיכער
דער פערפלוכטער יצר הרע
זאָל צו דיר ניט ווידער קומען
אין זיין נעטץ דיך צו פערשטריקען.
און דעריבער זאָלסטו וויסען
ווייטער פעסטער זיך צו האלטען
און ניט לאָזען זיך פערפיהרען.
פאר דיין שוואכקייט אָבער, וואס דו
האָסט געלאָזט זיך פון דעם שטן

אַנרײדען צו אַנ׳עבירה ;
זײנען דײנע תשובה יאָהרען
די פערגאַנגענע פערלאָרען...
און פון הײנט אַן מוזטו בלײבען
פון דאָס נײ אין בית המדרש
עוסק זײן אין תורה, תשובה
נײע זיעבען יאָהר, דעם פעהלער,
װאָס דו האָסט הײנט שיער בעגאַנגען
דורך דײן לײכטזין צו פעררינכטען״.
נאָך די רײד האָט זיך דער טױטער
אומגעקעהרט און פאַר די אױגען
פון דערשראָקענעם פּלטיאל
האָט ער זיך אַראָבגעלאָזען
אין דעם קאַלטען גרוב, דעם טיעפען,
און די ערד האָט איהם פערשאָטען.
װי געלעהמט פון שרעק און מורא
איז געשטאַנען שטום פּלטיאל
אױף זײן אָרט א רעכטע װײלע.
אַז ער איז צו זיך געקומען
האָט ער טיעף אַראָבגעבױגען
צו דער ערד זײן קאָפּ און טרױריג
אומגעקעהרט זיך אין בית מדרש.
טרױריג האָט ער אומגעקוקט זיך
אין דעם פּוסטען בית המדרש,
װאו עס האָט ניט לאַנג געקלונגען
די בעצױבערענדע שטימע
פון דעם שעהנעם יונגען־מאַנטשיק ;
נור דער זאָנדערבאַרער אורח
איז שױן דאָרטען ניט געװעזען...

רוהיג איז אין בית המדרש.
שטיל און פּוסט. נור דאָרט אין ווינקעל
ביי די גרויסע אַלמערס ספרים
אָנגעטהון אין טלית, תפילין
זיצט א גרויער, שוואכער זקן
מיט אנ׳אויסגעצערטען פּנים
ביי אנ׳אָפענער גמרא
און ער לערנט מיט התמדה.
לאַנג האָט מילד זיין שוואכע שטימע
ציטערענדיג, זיס געקלונגען
אין דעם פּוסטען בית המדרש.
ענדליך איז ער שטיל געוואָרען;
מיעד דעם גרויען קאָפּ, דעם שוואכען
אויף די הענד אראבגעלאָזען
און פערטראכט זיך: „גאָט צו דאנקען!
נאָך א טאָג און די בעשטימטע
תשובה יאָהרען איז געענדיגט.
אַלעס, אַלעס געהט פאָראיבער!..
פערצעהן יאָהר האָב איך געליטען
פון דער שטירמישער מלחמה,
וואס אין מיר איז פארגעקומען
פון די שלעכטע ווילדע מדות,
די פון יוגענד איינגעוואוינטע
מיט די נייע אויפגעוואכטע
פרומע, הייליגע געפיהלען.
פיעל און שווער האָב איך געליטען
פון דעם קאמפּף. דאָך דרייסט, בעשלאָסען
געה איך אין דעם דרך־תשובה,
וועלכען גאָט האָט אָנגעצייגט מיר...
יאָ, מיין גאָט!.. איך האָב געפאָלגט דיר.
מיט מיין גאנצען לייב און זעעלע

האָב איך דיר זיך איבערגעבען.
אַלעס האָב איך אויפגעאָפּפערט
דיין מחילה צו פערדינען.
מיין געזונד און מיין עשירות.
און איך פיהל פון טיעפען הארצען,
אז דו האָסט געהערט מיין תפילה
און מיין קרבן האָסטו זיכער
אָנגענומען און בעווילינט.
נאָך א טאָג און די בעשטימטע
תשובה יאָהרען איז געענדיגט.
דאַן וועל איך אהיים זיך קעהרען
צו מיין ליעבע פרוי און קינדער
אין דעם קרייז פון מיין משפחה
אויסצולעבען שטיל און רוהיג
מיינע לעצטע, ביסעל יאָהרען,
וויפיעל גאָט וועט מיר נאָך שענקען."
און א מילדער, זיסער שמייכעל
פון צופריעדענהייט און שמחה
האָט בעשיינט דעם פרומען פנים
פון דעם אויסגעצערטען זקן.
אַנדערש אָבער איז אין הימעל
וועגען איהם בעשטימט געווארען —
נאָך דעם זעלבען טאָג האָט פּלוצלונג
זיין נשמה שטיל פערלאָזען
דעם פערדאַרטען, שוואַכען קערפּער
פון דעם אַלטען בעל תשובה
און זיך אומגעקעהרט אין הימעל
צו איהר הייליגען בעשעפער
ריין און הייליג ווי א מלאך.
קיינער איז דערביי געוועזען,
נור פאר מנחה האָט דער שמש

איהם געפֿונען מיט א שמייכעל
אויף דעם אויסגעצעהרטען פּנים,
שטיל און רוהיג אויסגעגאנגען
אויף דער אָפענער גמרא.

צוויי פויגעלעך

זיצט א פויגעל אויפ'ן צווייג
אויף א בוים ביים טייך.
זיצט א פויגעלע אין שטייג.
ביידע, זינגען גלייך.
ביידענס קלינגענדיגע שטימען
אין דער לופט, דער ריינער, שווימען
זיס בעצויבערענד און רייז.
זאנפט מעלאָדיש, זאנפט און שעהן.
דאָך קען יעדער אונטערשיידען
נאָך די טרעלען נאָך זיי ביידען. —
פריי און מונטער זיך צושפּרייטען
אין דעם טיעפען רוים, דעם ברייטען
הויך די טרעלען פונ'ם צווייג.
אָבגעהאקט און אבגעריסען
טרויעריג און שמערצפול פליסען
דאָ די טרעלען פונ'ם שטייג.